# שלום עליכם

(צו זיין צוואַנציקסטן יאָרצייט)

**פאַרוואָס** איז אין שלום־עליכמס ביכער אַזוי ליכטיק?

דער מדובר איז דאָך אייגנטלעך דאָרט פון הימל־בליי (נישט הימל־בלוי), פון אָנגעפּעלצטע, פאַרכעסטע, נישט־גוטס טראַכטנדיקע וואָלקנס, וואָס צעשרייען זיך אָפּט מיט רעגנס, שוואַרצע רעגנס, איי־בער די צעשראָקענע קעפּ פון אַ גאַנץ פאָלק.

ווי אונדזער היינטיקע נאַרישע וועלט איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַרבעטסלאָזע, ווי די רייניקע זומער־נאַכט־הייכן זיינען באַזעצט מיט קלוגע שטערן, אַזוי זיינען שלום־עליכמס ווערק אָנגעפּראָפּט מיט פּורעניות, שלעק, אומגליקן, אונטערדריקונגען, פּראַוואָזשיטעלסטוואָס, פּראָצענט־נאָרמעס און מיט סתם אויף אַ נאָווינע וואַנדערונגען, נויטן און אָרעמקייטן.

טאָ פונוואַנען נעמט זיך צו אים אַזויפיל ליכטיקייט?

תשובה: ווילסטו דעם איינִיקל פאַרשטיין, מוזסטו אין דעם ווידע־לאַנד גיין...

אָבער נישט, ווי מען זאָגט געוויינלעך, כדי געוואָר צו ווערן, וואָס דער ערשטער האָט ביים צווייטן געלערנט, נאָר כדי צו זען, וואָס ער האָט ביי אים א ו י ס גע ה ע ר ט לערנען. ווי אַזוי דאָס איינִיקל האָט זיך ווייסע־חברה'ניקיש צעבונטעוועט קעגן דעם הויכן אַלטן ייִד מיט דעם ווייסן בערדל און מיט די גאָלדענע ברילן.

ווירקלעך, ווילסטו געניי אויפכאַפּן, וואָס עס געשעט אויף דער

באַליכטענער בינע אָדער אויפן עקראַן, טאָ לעש אויס די לאָמפּן אין דעם זאַל, וואו דו זיצט. און ווילסטו גוט דערקענען שלום־עליכמען, דאַן זעץ זיך, ברודער, ביי אַ באַנד „מענדעלע"...

זיינען דאָ ביי מענדעלע מוכר ספרים סימפּאַטישע יידן ? אַז איר ווילט, קענט איר זיי געפינען. אָבער דאָס דאַרפט איר שוין וועלן, שטאַרק וועלן. „פישקע דער קרומער איז אַ פּרינץ". אַזוי האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ פאַנטאַזיע־צעהיצטער מינוט איינער אַ מגזמדיקער ליטעראַט. אָבער ווען אַ פאָלק זאָל האָבן פּופּציק טויזנט אַזעלכע „פּרינצן", ווערט עס אויסגעלאָשן פון דער פעלקער־משפחה און איינגעשלאָסן אין ציגיינער־טאַבאָרן.

דעם זיידנס יידן קאָנט איר איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: גבירים, וואָס זיינען מנוולים און פּאַסקודניאַקעס, און אָרעמעלייט, וואָס זיינען גלאַט פּאַסקודנע, ווייל זיי זיינען בעטלערס.

און מחמת די עשירים־צאָל איז ווי געוויינלעך אַ קליינע און די קבצנים קיין עין־הרע — אַ ים, איז טאַקע די טאַרבע טיף ווי דער ים, די גרויסע באַקאַנטע יידישע טאַרבע.

מיטן אויסנאַם פון „שלמה ר' חיימס" וואו עס איז ווייניקער געטאַרבעוועט און מער געמענטשלעכט, זיינען כמעט אַלע ביכער דעם זיידנס באַפעלקערט מיט צדקה־נעמעריי, בעטלעריי, שנאָרעריי, אָדער מיט קאַנדידאַטן אויף גיין איבער די הייזער.

זיצט איר ביי דעם פּינצטערן (טראָץ דעם בלומרשטן העלן שמייכל מענדעלע און איר קוקט אַריבער צו יענעם ווינקל, וואו ליכטיק איז. און פּאַסירונג איז, פיל פּאַסירונג. דער פילם איז צעיאָגט אין כסדר־באַוועגונגען. נישטאָ קיין פּאַסיוויטעט, קיין לידיקגייעריי, קיין אויס־קוק אויף חניפה, קיין וואַרטן אויף קצבה. שלום־עליכם טרייבט זיינע העלדן צו סטאַליעריי, צו זייגערמאַכעריי, צו טינטמאַכעריי ; ווער אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, ווער אַן אַקטיאָר, ווער אַ סוחר, ווער אַ מילכיקער. טאָן מוז יעדער עפּעס.

רייבט איר זיך די אויגן : האַ ! הייסט דאָך עס, אַז יידן לויפן, זוכן, אַרבעטן, פאַרדינען מער, פאַרדינען ווייניקער, אָבער... שאַ נאַר,

ווער האָט פּלוצלינג צוגעגנבעט די טאָרבע? נישטאָ זי, נישטאָ ביים „איניקל" קיין שנאָרערס, שייך צו זאָגן נישטאָ? ס'איז דאָ אַזוי פיל ווי אומעטום, אָבער קיין ספּעציעלע יידישע נאַציאָנאַלע פּראָפעסיע איז בעטלעריי נישט.

פעלט טאַקע ביי שלום־עליכמען יענע קאָלעקטיווע אומווירדיקייט און אָפּשטויסנדיקייט, וואָס מאַכט די אַטמאָספערע שווער און טרויעריק. ער קאָן זיך פאַרגינען אויף סימפּאַטישע חברהלייט. און אַזעלכע זיינען זיי כמעט אַלע.

וואָס, אַ שטייגער, ווילט איר פון דער יידענע, נעבעך, מיטן טעפּל? ביי מענדעלען זיינען נאָר קאַרג די גבירים. ס'איז זיי מסתם אַ שאָד אויפצובינדן די קניפּלעך, אָדער קאָליע צו מאַכן די קיילעכיקע סומעס. די אָרעמעלייט, אָבער, זיינען נישט קאַרג; וואָס וועלן זיי זשאַלעווען פרעמדס? ס'איז דען זייערס? נישקשה, מ'עט ווידער אויסשטעלן די האַנט, און ס'וועט מערצעשעם זיין פרישער פּדיון... שלום־עליכמס אָרעמעלייט וויסן פונקט ווי טוביה, פון דעם פּסוק: אל תבטחו בנדיבים. זיי פאַרלאָזן זיך פריער אויף גאָט, נאָכדעם אויף די אייגענע צען פינגער. קערעוועט זיך די יידענע ווי ווייט זי קאָן נאָר; ערשטנס האָט זי שוין אָפּגעגעבן, און צווייטנס האָט זי גאָר קיינמאָל נישט גע־באָרגט, און דריטנס... זי זאָגט און בראָקט און האַקט ליגנס, אויף וואָס די וועלט שטייט, אַבי נישט דאַרפן באַצאָלן פאַרן צעבראָכענעם טעפּל. איר גראָשן איז אַ שאָד, זי האָט אויף אים שווער געהאָרעוועט.

אַזוי זיינען זיי, די יידענעס זיינע, די יידן, יינגערע, עלטערע. משונהדיקייטן זיינען דאָ. נאָר אָן סכנה. מען קאָן געשמאַק אַ לאַך טאָן. שלום־עליכם פאַרצווייפלט נישט. אויסגעקרימטקייטן? נו יאָ. אָבער נישט קיין פאַרפאַלענע. דאָרט וואו מענטשלעכקייט איז אין שפּיל, זיינען פעלערן קיינמאָל נישט קיין פאַרפאַלענע. ביי וועקסלונג פון אומשטאַנדן ווערן זיי אָפילו אַמאָל מגולגל אין מעלות. אין דער געדאַכטער פלינקער זשאָנגלירנדיקער יידענע איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ גוטער אַדוואָקאַט...

און מנחם מענדל? ער געפעלט דאָך אייך שוין געוויס נישט. וואו ערגעץ אַ שלים־שלים־מזל, מאַכט איר אים פאַר זיין שותף. די ברוסט פון יעדן אויף־כפרות־טויגער דעקאָרירט איר מיט דעם מנחם־מענדל־אָרדען. אָבער גלויבט מיר ,רבותי, אַז אָט דער ייִד ווייזט אַרויס מער פּליס, מער איניציאַטיוו, מער ענערגיע, מער אַמביציע ווי צען סטאַכאַנאָווצעס...

נישט מער זיינע פּעאיקייטן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן שלעכטער אַרומיקייט. די אויסערלעכע באַדינגונגען נישט צוגעפּאַסט צו זיינע מעגלעכקייטן. ווערן פון זיינע פּליוסן מינוסן. זוכט אויס פאַר אַזאַ עקזאָטישער פּלאַנץ ווי מנחם מענדל דעם נייטיקן קלימאַט, וועט איר זען, ווי שיין און שטאַרק זי וועט זיך פאַנאַנדערוואַקסן.

מענדעלע מוכר־ספרים זעט אויף דער פּלייצע פונעם ייִד אַ העסלעכן אָנוואוקס. קוקט ער אין אַלע זייטן און זוכט אַ כירורג, וואָס זאָל דעם האָרב אָפּשניידן. און מחמת ביז־וואָס ביז־ווען איז דער ייִד, נעבעך, אַ מיאוסע, וויסטע קאַליקע, דערפאַר העננט איבער זיינע ביכער אַ וואָלקן.

שלום־עליכם איז עפּעס פול מיט האָפענונג. ער זעט אויך דעם האָרב. נאָר ער האַלט ,אַז דאָס איז ד ע ר ה אָ ר ב א ו י פ ן ר ו ק ן פ ו ן אַ ק ע מ ל .

ס'איז נאַריש צו ווען אַראָפּשניידן. פיר אַוועק דעם קעמל אין דעם פאַר אים באַדערפטיקן סטעפּ. וועסט זען, ווי דער האָרב וועט צוניץ קומען דאָרט צווישן ברייטקייטן, פרייקייטן, ליכטיקע ווייט־קייטן...

דערפאַר זיינען שלום־עליכמס ביכער אַזוי ליכטיק...